בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תזריע תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 427


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### זאגן תהילים - אויך אן כוונה

**"וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת הַנֶּגַע בְּעוֹר הַבָּשָׂר וְשֵׂעָר בַּנֶּגַע הָפַךְ לָבָן וּמַרְאֵה הַנֶּגַע עָמֹק מֵעוֹר בְּשָׂרוֹ נֶגַע צָרַעַת הוּא וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן וְטִמֵּא אֹתוֹ"** (יג ג)

די חכמים (מדרש תהלים א ח) זאגן אז דוד המלך האט געבעטן פון הקב"ה אז דער שכר אויף זאגן תהילים זאל זיין פונקט ווי דער שכר אויף לערנען הלכות "נגעים ואהלות". לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט ער געבעטן פונקט אזוי ווי "נגעים ואהלות", און נישט ווי אנדערע הלכות צ.ב.ש. הלכות שבת אדער דיני ממונות?

ערקלערט האדמו"ר **רבי דוד מטאלנא:** איינס פון הלכות נגעים איז, אז ווען דער כהן איז נישט בקי אין די מראות נגעים, דארף מען רופן א תלמיד חכם וואס זאל פסק'ענען די דין פון די נגע, און דער כהן וועט ארויסזאגן מיט זיין מויל וואס דער חכם האט געזאגט, ווייל טומאת און טהרת נגעים איז אינגאנצן איבערגעגעבן אין די האנט פון כהן (רמב"ם טומאת צרעת ט ב).

לויט דעם קען מען טייטשן אז דאס האט דוד המלך עליו השלום געבעטן, אז די וואס זאגן תהלים זאלן זוכה זיין צו שכר אויך אויב זיי פארשטייען נישט די באדייט פון די פסוקים, אזוי ווי דער כהן וואס קען מטהר זיין אדער מטמא זיין די נגע מיט זיין זאגן, כאטש ער קען נישט הלכות נגעים.

'אמרתך חייתני' עמ' 393

### דאווענען אנשטאט פרובירן צו מבטל זיין

**"וְהִתְגַּלָּח וְאֶת הַנֶּתֶק לֹא יְגַלֵּחַ וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת הַנֶּתֶק שִׁבְעַת יָמִים שֵׁנִית"** (יג לג)

אין די ציווי "וְאֶת הַנֶּתֶק לֹא יְגַלֵּחַ" באפעלט די תורה דעם מצורע זאל נישט אפשערן די האר נעבן די 'נתק' [די פלאץ וואס עס פאלט ארויס די האר ביי די נגעים פון קאפ אדער בארד], ווייל דורך דעם וועט מען נישט קענען באמערקן צי דער נגע האט זיך צושפרייט. אין 'ספר החינוך' (מצוה קע) ערקלערט ער אז פון דער איסור דארפן מיר לערנען "יעדער מענטש זאל אננעמען וועלעכע צער און וואספארא עונש ה' געבט אים, און ער זאל חלילה נישט בועט זיין אין דעם. ער זאל נישט טראכטן אז ער וועט האבן די מעגליכקייט עס מבטל זיין

און פארהוילן פון מענטשן, נאר ער דארף בעטן פון הקב"ה זאל אויסהיילן זיין צער".

### נאך א שריפה - דאווענט מען

**"וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא"** (יג מה)

די חכמים זאגן (שבת סז א) אז די ציווי פון די תורה פאר די מצורע זאל אויסרופן אויף זיך אז ער איז טמא, איז כדי "להודיע צערו לרבים, ורבים יבקשו עליו רחמים".

זאגט **רבי פינחס קאריצער:**

די וועלט זאגט: 'נאך א שריפה - ווערט מען רייך', און מיין רבי דער בעל שם טוב האט געזאגט אז דאס - איז אמת. און מען קען ברענגען צו דעם א מקור פון אונזער פסוק: אזוי ווי דער מצורע ווערט אויסגעהיילט פון זיין צרעת דורך תפילת הרבים וואס זען צו זיין צער און האבן אויף אים רחמנות, אזוי אויך דער וואס זיין פארמעגן איז פארברענט געווארן וועט רייך ווערן דורך די תפילה פון די רבים וואס זען זיין אומגליק.

'בעל שם טוב' על התורה

### זיין רפואה איז אנגעהאנגען אין זיין תפילה אויף אנדערע

**"וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא"** (יג מה)

פון דער לשון הפסוק "וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא" זעט אויס אז דער מצורע דארף אויסרופן אויף זיך אז ער איז 'טמא', אבער פון דער לשון התרגום "ולא תִסְתְּאֲבוּן... יִקְרֵי", זעט אויס אז ער דארף אנווארענען אנדערע זאלן נישט ווערן טמא.

ערקלערט **רבי שלמה קלוגער** פון בראד, די חכמים זאגן (ב"ק צב א): "כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה". ווייל דער מצורע דארף צוקומען צו רחמי שמים ער זאל אויסגעהיילט ווערן פון זיין צרעת און ווערן טהור, וועגן דעם טייטש אונקלוס ער זאל דאווענען אויף אנדערע: "ולא תסתאבו" - זיי זאלן נישט צוקומען צו א זינד וואס ברענגט צו טומאה, און די תפילה וועט אים העלפן ער זאל פריער אויסגעהיילט ווערן.

'חכמת התורה' עמ' ריא

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### וויאזוי איז מען זוכה צו עולם הבא? - דורך אמן!

א אינטערעסאנטער שאלה טרעפן מיר אין חז"ל (סנהדרין קי ב), פון ווען איז א קליין קינד זוכה צו עולם הבא? דאס איז א וויכטיגע שאלה, און ווי פארשטענדליך, אזוי ווי די ענטפער איז אזוי ווערט אנגענומען, ווייל אין בית דין מעלה ווערט גע'פסק'נט לויט די פסק פון די חכמי התורה אויף דער וועלט. פון די פארשידענע ענטפער'ס קומט אויס אז אויב איז דאס אנגעהאנגען אין די מעגליכקייט פון רעדן, איז עס "משעה שאומר אמן", און כאטש ער קען נישט רעדן געהעריג (ראה רמ"א או"ח קכד ז).

די דעה שטייט אין גמרא נעבן די דעה וואס זאגט "משעה שנימול", ד.מ. אז די צוויי מצוות זענען דאס זעלבע חשוב זייענדיג א 'ארייננגאנג קארט' אויף עולם הבא. און דאס איז נישט קיין וואונדער, פאר דער וואס איז זיך מתבונן אין ענדע פון די סוגיא, אין די ערקלערונג פון די ווארט 'אמן': "אמר רבי חנינא: 'א-ל מלך נאמן'"! ד.מ.: די חשיבות פון 'אמן' קומט פון דעם וואס דאס איז ווי א הייליגע רוף פון אמונה און קבלת עול מלכות שמים.

א קליין קינד וואס קען זיך אונטער מורמלען 'אמן', ווערט ער באהאפטן צו די גאלדענעקייט פון אידישן פאלק, וואס אין אלע זמנים און אלע מצבים גלייבט אין ה' אחד, און דורך דעם זוכה צו עולם הבא. לויט דעם קען מען אפשר זאגן אז די מעלה פון ענטפערן 'אמן' איז נאך מער פון די מצוה פון מילה, ווייל פון אלע שיטות דארטן אין גמרא איז דאס די ערשטע וואס דער קטן איז מקיים אליין און נישט דורך אנדערע.

עס איז וויכטיג צו באטאנען וואס עס קומט אויס פון די גמרא, אז ענטפערן אמן האט א געוואלדיגע חשיבות אויך ווען זי ווערט געזאגט אן די ריכטיגע כוונה, ווייל מן הסתם פארשטייט נישט דער קטן ריכטיג וואס ער זאגט, און אויך זיין רעדן איז נישט קלאר ווי עס דארף צו זיין, און פון דעסוועגן פון דער מינוט וואס ער האט ארויסגעזאגט מיט זיין מויל דעם 'אמן', איז ער שוין זוכה צו עולם הבא.

לאמיר ארייננעמען אין אונז און האלטן טייער די געוואלדיגע מעלה פון די וואונדערליכע מצוה, אויך מיר וואס זענען גרויס, און דורך דעם וועלן אונזערע קינדער אויך אזוי ערצויגן ווערן, און מיר אלע וועלן זיין ארייגערעכנט אין די: 'בן עולם הבא" - וואס איז סופי תיבות 'אמן'.

**מיט א רוף 'ונרוממה שמו יחדיו'**

**און א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# בלוט אויסגעמישט מיט טרערן

דאס איז געווען אין א שפעטע נאכמיטאג שטונדע, מיט צענדליגער יארן צוריק, ווען דער טעלעפאן אין ביורא פונעם בארימטן חזן און מוהל רבי רפאל אבוהב זצ"ל האט געקלונגען. "א גוטן, דא רעדט פרוי גולן, איר זענט אפשר מארגן פריי צו מאכן א 'ברית'?" - האט זיך געהערט די שטימע פון די צווייטע זייט ליין. "ווען און וואו?" - האט ר' רפאל זיך אינטערעסירט, און די פרוי האט געענטפערט: "מארגן האלב אכט אינדערפרי, אויף די גאס... אין דער שטאט חולון". ר' רפאל איז געווען איבערראשט פון דער פרי שעה אבער נאכן שנעל איבערטראכטן האט ער געענטפערט 'יא'. "א דאנק. איך בעט זייער צו זיין פונקטליך" - האט די פרוי צוגעגעבן איידער זי האט אראפגעלייגט די טעלעפאן.

דער מאדנער און פרעמדער טאן וואס די פרוי האט גערעדט האבן ערוועקט פראגע ציייכנ'ס אין זיין הארץ, אבער הרב אבוהב האט זיך בארואיגט, דאס איז א רעזולטאט פון א נאטורליכן התרגשות וואס האט איר אנגעכאפט אין בעפארברייטונג צו דער מעמד.

צומארגנ'ס, גלייך נאכן דאווענען שחרית, איז הרב אבוהב געפארן צום באשטימטן אדרעס.



'כסא של אליהו' אין שטאט בעקעטשאבא, אונגארן

ווען ער איז אנגעקומען אויפן ארט, איז ער איבערראשט געווארן צו זען אז עס רעדט זיך נישט פון א שול אדער א זאל, נאר א פריוואטע און שיינע הויז, האט אינמיטן א רייכן געגנט. אויף דער טיר פונעם הויז איז געווען אויפגעשריבן: "משפחת גולן".

הרב אבוהב האט ליכט געקלאפט אויפן טיר און איז גלייך געעפנט געווארן דורך א יונגן מענטש אנגעטאן אין א שיינעם אנצוג, האלטנדיג אין האנט א שיינע טאש; "א גוטן, דו ביסט דער מוהל? - האט יענער געפרעגט מיט א געצווינגענעם שמייכל, און זיך גלייך געווענדן ארויס גיין אויף די גאס: "איך אייל מיך צו דרינגענדע ארדענונגען, ביטע מאך זיכער צו טון אייער ארבעט מיט אויפמערקזאמקייט און פאראנטווארטליכקייט..." - האט ער געזאגט, און איז פארשוואונדן געווארן.

ווען הרב אבוהב איז אריין אין שטוב איז ער איבערראשט געווארן צו זען אז אפילו די באלעבאסטע גייט ארויס נאך איר מאן. "א גוטן! איך בין פרוי גולן" - האט זי געזאגט, "מיין מאן ווארט אויף מיר אינדרויסן, אבער נישט געזארגט - די בעביסיטער וועט אנקומען אין בערך א פערטל שעה ארום היטן אויף יובלי... דערווייל וועסטו האבן צייט צו דורכפירן די 'אפעראציע', נישט אזוי?!".

- ווער איז יובלי? - האט דער מוהל געוואלט פארשטיין. "אהה...", האט די פרוי געענטפערט, "איך האב פארגעסן צו זאגן... יובלי איז דאס קינד, וואס איר דארפט אים מלן". - "ענק האבן אים שוין געגעבן א נאמען?" איז הרב אבוהב דערשטוינט געווארן צו הערן, "יא, שוין לאנג צוריק", האט די פרוי געענטפערט, "דער אמת איז אז מיר האבן נישט געפלאנט אים צו מאכן א ברית, ווייל מיר האבן גארנישט מיט די אידישע רעליגיע. מיר האבן זיך אסאך געצווייפלט מיט דעם, און ענדליך באשלאסן, אז ס'קען זיין עס לוינט זיך צו מאכן א ברית, דו ווייסט... ער זאל זיך נישט אויפרעגן אויף אונז ווען ער וועט זיין גרויס".

שאקירט און צוטומלט איז הרב אבוהב ארין אין די צימער פון דאס קינד. ער האט אויסגעשפרייט די כלים פון די ברית מילה אויפן טיש, און ווען ער האט געקוקט אויף דעם קינד וואס איז געשלאפן רואיג אין בעט, זענען די אויגן פארפלייצט געווארן מיט טרערן. אין זיינע ווייטסטע חלומות האט ער קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז ער וועט אמאל טון אזא ברית.

ר' אבוהב האט איידלערהייט אויפגעוועקט דאס קינד, אים ארויפגעלייגט אויף זיין קני און אים גע'מל'ט, ווען ער האט דערביי געדינט אלס מוהל, סנדק, אבי הבן, און דער מברך...

נאכן ברית האט הרב אבוהב בארואיגט דעם וויינענדיגן קינד, און ווען זיינע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טרערן פונעם קינד, איז ווי פון זיך ארויס געקומען די תפלה פון זיין מויל: "איך בעט פון דיר גאט, דערבארעם דיך אויף דיינע קינדער אזוי ווי מיר האבן זיך אפגעקערט פון דיין וועג, 'כי לכל העם בשגגה'. געב אריין פארשטאנד אין זיינע עלטערן זי זאלן אים מגדל זיין לתורה וליראת שמים".

ארום א האלבע שעה איז אדורך ביז די בעביסיטער איז אנגעקומען. ערשט ווען זי האט באמערקט ווי דער פרומער רב זיצט און וויינט און דאוונט ווען ער האלט די בעבי אין די הענט האט זי זיך דערמאנט... "אהה... גערעכט, איך האב אינגאנצן פארגעסן... פרוי גולן האט מיר געזאגט אז יובלי וועט היינט אריבערגיין א קליינע 'אפעראציע', וואס טוט ער? ווי פילט ער?".

"יובלי וועט זיין אין ארדענונג" האט הרב אבוהב געענטפערט, און האט זיך געווענדן ארויס גיין פון שטוב, איבערלאזנדיג א דעטאלירטע בלאט וויאזוי זיך צו פירן מיטן קינד.

אין די קומענדיגע טעג, יעדער וואס האט זיך געטראפן מיט הרב אבוהב האט זוכה געווען צו הערן פון אים מיט התרגשות די וואונדערליכע מעשה, אבער אין א צייט שפעטער איז די מעשה ארויסגעפלויגן פון זיין זכרון.

בערך דרייצן יאר איז אריבער פון דעמאלטס. צו די אפיס פון הרב אבוהב אין תל אביב זענען אומגעראכטן אנגעקומען א פרוי מיט איר זון, מיט א פרייען אויסזען. "איר זענט דער מוהל אבוהב?", האט די פרוי געפרעגט, "יא," האט הרב אבוהב געענטפערט, "און ווער זענען ענק?".

"איך בין פרוי גולן פון חולון, דער רב געדענקט אפשר...?", הרב אבוהב האט זיך נישט דערמאנט, און די פרוי האט פארגעזעצט: "פאר בערך דרייצן יאר צוריק האבן מיר פארבעטן דעם רב צו מאכן א ברית פאר אונזער יובלי, מיר האבן דיך איבערגעלאזט אליין מיט אים ביז די בעביסיטער איז געקומען...".

"אוודאי' געדענק איך!" האט הרב אבוהב געזאגט, קוקנדיג אויפן הויכן בחור וואס איז געשטאנען פאר אים, מיטאמאל ווערט ער צוגעצויגן צו יענעם אומפארגעסליכן געשעעניש.

"איך ווייס נישט וואס גייט אריבער אויף מיין יובלי", האט די פרוי געזאגט אין א באזארגטן טאן, "שוין עטליכע וואכן איז ער גייט נישט אין שולע און עסט קוים, ער פאדערט שטארק צו טרעפן זיין מוהל. מיר האבן ערשט פרובירט צו גיין מיט אים צו אלע גרויסע פסיכאלאגן, אבער ער עקשנ'ט זיך, איך האב נישט קיין ברירה, ביטע אויב מען קען רעדן מיט אים".

אזוי ווי מיט דרייצן יאר צוריק האט די פרוי פארלאזט דעם צימער און איבערגעלאזט איר זון אליין צוזאמען מיטן רב. ווען די טיר האט זיך פארמאכט האט דער בחור אויסגעבראכן אין ביטערן טרערן ווען ער קען קוים זיך אויסדריקן: "כבוד הרב, איך קען שוין נישט מער... איך וויל לייגן תפילין, איך וויל היטן שבת, איך וויל תורה, איך פיל אז אן דעם האב איך נישט קיין לעבן".

הרב אבוהב האט ארומגענומען דעם אומגליקליכן בחור, און דערנאך ארויס פון צימער און געזאגט צו די מאמע: "מאמע, דיין קינד האט נישט קיין פסיכאלאגישן פראבלעם, ער וויל לערנען תורה!".

"איך ווייס", האט די פרוי געענטפערט ווען זי ווישט אפ א טרער פון די אויגן, "אלע פסיכאלאגן וואס מיר האבן באזוכט האבן אונז געזאגט דעם זעלבן ענטפער, מיר וואלטן זייער צופרידן געווען אויב דער רב וועט אים קענען אויסלערנען!"

הרב אבוהב האט עס אנגענומען מיט פרייד, און אזוי דרייצן יאר נאך די גערירטע תפילה דורך דעם מוהל וואס איז געווען שאקירט און הילפלאז אין א פרעמדער היים אין חולון, איז די תפילה אנגענומען געווארן. אליהו מלאך הברית איז געשיקט געוואָרן פון הימל צו דערנענטערן דעם פרעמדן יונגל צו זיין אפשטאם.

קובץ 'קול רפאל' עמ' סא

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'ביעור חמץ'

### די מצוה און די ברכה

די תורה האט באפוילן דעם מענטש זאל ערב פסח ביי חצות היום משבית זיין זיין גאנצע חמץ, אזוי ווי עס שטייט (שמות יב טו): "אך ביום הראשון תשביתו שאר מבתיכם". די מצוה איז מען מקיים דורך מאכן פארלירן די חמץ פון דער וועלט ['ביעור חמץ'], און סיי דורך ביטול בלב ['ביטול חמץ'] (ר"ן פסחים א א מדה"ר).

כאטש מן התורה איז גענוג דער מענטש זאל מבטל זיין די חמץ, האבן די חכמים מתקן געווען אז ליל י"ד ניסן זאל מען בודק זיין צו די שיין פון א ליכט אלע פלעצער ביי אים אין הויז ווי עס קען דארט זיין חמץ ['בדיקת חמץ'], אלס חשש טאמער וועט ער טרעפן חמץ אין פסח און בשוגג וועט ער עסן (רמב"ם חמץ ומצה ב ב-ג; תוספות שם ד"ה אור). בעפאר ער איז מקיים די מצוה פון 'בדיקת חמץ' האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן א ברכה (פסחים ז א).

### די נוסח הברכה

די אמוראים קריגן זיך (פסחים שם ז א) וואס איז דער נוסח הברכה וואס דער בודק זאגט: עס איז דא וואס האלטן אז מען זאגט "לבער חמץ", און עס זענען דא וואס האלטן אז מען זאגט "על ביעור חמץ".

עס איז קלאר אז יעדע ברכה וואס ווערט געזאגט פארן מקיים זיין די מצוה, דארף מען זאגן בלשון עתיד, און נישט בלשון עבר. דעריבער, זענען אלע מודה אז מען קען זאגן "לבער חמץ" וואס זיין באדייט איז - להבא. אבער די אמוראים קריגן זיך אין דער "על ביעור חמץ", צי דער נוסח מיינט אויך להבא און אויב אזוי קען מען אזוי זאגן, אדער זיין באדייט איז עבר [ווי איינער זאגט 'על שביערתי חמץ'] און מען קען נישט אזוי זאגן (פסחים שם).

להלכה איז די גמרא מכריע (שם) אז מען דארף זאגן "על ביעור חמץ". און דער רמב"ן (שם) שרייבט אז כאטש פון די גמרא זעט אויס אז מען קען אויך זאגן 'לבער', זאל מען זאגן "על ביעור" ווייל אויף מצוות וואס דער מענטש קען מקיים זיין דורך א שליח דארף מען זאגן דער לשון "על...", און די מצוה פון השבתת חמץ קען מען מקיים זיין דורך א שליח.

### די באדייט פון די ברכה

כאטש די ברכה ווערט געזאגט פארן מקיים זיין די מצוה פון בדיקה, זאגט מען נישט דעם לשון: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על בדיקת חמץ", נאר: "על ביעור חמץ", ווייל די בדיקה איז נאר די אנהויב פון די מצוה און באלד נאך די בדיקה איז דער בודק מבטל די חמץ וואס ער האט נישט געטראפן, און די חמץ וואס ער האט געטראפן איז ער מארגן מבער פון דער וועלט. דעריבער כאטש מען זאגט די ברכה בעפאר די בדיקה, זאגט מען דעם לשון "ביעור" וואס איז כולל אויף די בדיקה וואס איז די הכנה צו די ביעור, און אויף די ביטול וואס איז איינס פון די אופנים צו מבער זיין (רא"ש פסחים א י; כלבו סי' מח). און נאך א טעם, ווייל 'ביעור חמץ' איז א חיוב מן התורה, און די בדיקה איז נאר מדרבנן (שו"ת חת"ס יו"ד סי' רמט, בדעת הרא"ש שם).

אבער עס זענען דא וואס האלטן אז די ברכה באציט זיך נאר אויף די מצוה פון די חז"ל מען זאל בודק זיין דעם חמץ און נישט אויף די מצוה פון ביעור. לויט זיי דער לשון 'ביעור' וואס ווערט געזאגט ביי די ברכה, איז נישט א לשון פון שריפה און מאכן פארלירן, נאר ארויסטראגן די חמץ פון שטוב, אזוי ווי מיר טרעפן אין פסוק (דברים כו יג): "בערתי הקודש מן הבית" וואס איז טייטש איך האב צוזאם געזאמלט די מעשרות און זיי ארויסגעטראגן פון שטוב אזוי ווי דער דין איז (רבינו דוד פסחים ז א; מהר"ם חלאווה שם).

### דער מנהג פון באהאלטן צען ברעקלעך

כלל ישראל פירן זיך צו באהאלטן בעפאר בדיקת חמץ צען ברעקלעך חמץ אין הויז, צוליב די חשש טאמער וועט דער בודק אינגאנצן נישט טרעפן חמץ בשעת'ן בודק זיין, און זיין ברכה וועט זיין א 'ברכה לבטלה' (רמ"א או"ח תלב ב). אסאך וואונדערן זיך אויף דעם: וואס האבן די חכמים אויפגעטון מיט די תקנה, די פלאץ וואס מען לייגט די ברעקלעך איז דאך באקאנט, און מען דארף נישט בודק זיין די הויז כדי זיי צו טרעפן, אויב אזוי ווערט נישט דער בודק געראטעוועט פון זאגן א ברכה לבטלה?

ערקלערט דער טשעבינער רב: די חכמים (פסחים ז ב) האט צוזעגלעכנט זוכן און בודק חמץ זיין צו די זוכן וואס שטייט אין תורה (בראשית מד יב) ביי די בעכער וואס יוסף האט באפוילן באהאלטן אין די זאק פון בנימין. און דער וואס האט געזוכט דעם בעכער האט דאך געוואוסט וואו די בעכער געפונט זיך, ווייל ער אליין האט עס דאך דארט באהאלטן, דעריבער אויך זוכן חמץ וואס מען לערנט ארויס פון דעם קען מען מקיים זיין אויף א אופן וואס דער וואס זוכט ווייסט וואו די חמץ געפונט זיך ('פשט ועיון' לגר"מ שטערנבוך פסחים שם).

### די כוונה פון אמן

די כוונה פון אמן איז עס איז ריכטיג אז הקב"ה האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און אונז באפוילן אויסרוימען די חמץ פון אונזערע הייזער.

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## 'טמא טמא' – ווייל ער האט מבטל געווען מאה ברכות

"וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא" (יג מה)

פארוואס ווערט די מצורע געשטראפט אז ער דארף אויסרופן פאר אלעמען 'טמא טמא'? ווייל ער האט מבטל געווען דאס זאגן מאה ברכות יעדן טאג, איז אויף אים נגזר געווארן ער זאל אויסשרייען 'טמא טמא' - וואס איז גימטריה מאה.

'ילקוט מדרשי תימן'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### די הנהגה פון אר"י הקדוש

רבי חיים וויטאל איז מעיד אויף זיין רבי דער אר"י הקדוש אז ער פלעגט ענטפערן אמן נאך אסאך מענטשן וואס האבן געזאגט ברכות השחר אין שול, און אזוי שרייבט ער: "און ווען ער איז געווען אין שול, און איינער האט געזאגט ברכות השחר, פלעגט ער זיך צו הערן און ענטפערן אמן, און אויך אויב ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען האט ער זיך אפגעשטעלט און געשוויגן און געענטפערט אמן, אפילו אויב אסאך מענטשן האבן געזאגט די ברכות" ('פרי עץ חיים' שער הברכות פרק ד. און עס זעט אויס אז אין בית המדרש פון דער אר"י האט מען אויך געזאגט 'ברכות התורה' פאר אים).

רבי מאיר פאפירש ברענגט אויך די הנהגה פון דער אר"י הק' צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון אסאך מענטשן אבער ער שרייבט ארויס אז **"אפילו הונדערט מענטשן האבן געזאגט די ברכות האט ער געענטפערט אמן נאך זיי"** ('אור צדיקים' ו ב. וכן העתיק ב'שערי תשובה' או"ח ו ה). וועגן דעם פסק'נט אויך רבי מאיר פאפירש אז יעדער מענטש דארף זיך אזוי פירן, אז "דער וואס הערט ברכות השחר אפילו הונדערט מאל זאל ער ענטפערן אמן" ('אור הישר' עמוד העבודה ז יא).

און אזוי שרייבט אויך האדמו"ר רבי אהרן מקארלין אין 'סדר היום': "יעדער איינער זאל הערן פון זיין חבר יעדע ברכה וואס ער דארף זאגן כדי ער זאל ענטפערן אמן. ווייל עס שטייט אין כתבי האר"י ז"ל אז ער האט צוגעהערט די ברכות השחר אפילו פון הונדערט מענטשן, כאטש ער האט אין איין מינוט געקענט מייחד זיין אלע עולמות, פון דעסוועגן האט ער נישט געקוקט אויף זיין צייט און האט זיך נישט געפוילט צו הערן אפילו הונדערט מאל די ברכה 'הנותן לשכוי בינה' און אלע ברכות".

### דערנענטערן זיך צום ש"ץ הערן די ברכות

א אינטערעסאנטן עדות אויפן מקפיד זיין צו ענטפערן אמן נאך 'ברכות השחר' ברענגט דער 'חות יאיר' אין זיין ספר 'מקור חיים' (מו ב): "איך האב געזען א מנהג פון די עלטערע ערליכע מענטשן וואס זייער פלאץ איז ווייט פון ש"ץ, אז זיי גייען אוועק פון זייער פלאץ און דערנענטערן זיך צום שליח ציבור בשעת'ן זאגן די ברכות כדי צו הערן גוט און ענטפערן אמן".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**פאר די שומרי החותם - די שטאב פון בני אמונים הי"ו**
**אין שפיץ פון דער גרינדער**
**און יו"ר הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

איך האב געזעהן אין אייער חשוב'ן בלעטעל אז איר האט געברענגט א וואונדערליכן ענין אין נאמען פון די קדמונים אז די ברכה איז געגליכן צו די עצם שטר, און דער 'אמן' - צו די חתימה וואס געבט א שטארקייט אויפן שטר, און א נישט אונטערגעשריבענעם שטר האט נישט קיין ווערד. אויף דעם וועג קען מען צוגעבן און אילוסטרירן נאך א ביישפיל: לויט וואס איז אנגענומען אין די ארבעטס-פלעצער מוז דער ארבערטער פאר'חתמ'ענען א 'קארטל' ביי אנקומען צום ארבעטס-פלאץ. עס זענען פאראן פלעצער וואו די פראצעדור איז אז ווער עס שרייבט נישט אונטער אויף א קארטל ווערט גערעכנט ווי ער פעלט פון דער ארבעט, אפילו אויב ער איז למעשה געקומען, און אפילו ער האט געארבעט געטריי. אזוי אויך איז די ברכה און די אמן - אפילו אויב א מענטש האט געזאגט א ברכה ווי עס דארף צו זיין, אויב די ברכה איז נישט גע'זיגל'ט געווארן מיט א אמן, איז עס א פעלעריגע ברכה און דער שכר דערויף איז צוגעפאסט צו דעם, ווי עס איז ערקלערט געווארן ברייטערהייט אין ענקער בלעטל אין אסאך געלעגנהייטן.

איך האב געטראכט אז דאס קען אויך זיין די סיבה פארוואס חז"ל האבן אזוי מחמיר געווען אז דאס ארויסזאגן פון די ווארט אמן זאל זיין ריכטיג, אן אויסלאזן א אות, ווייל אזוי איז ביי א חתימה - עס מוז זיין זייער פונקטליך.

איך האב זיך באנוצט מיט דעם געדאנק איבערצורעדן מיין פריינד ער זאל זאגן די ברכות השחר פאר מיר. דער חבר האט גע'טענה'עט אז ער זאגט די ברכות מיט מער כוונה ווען ער איז אליין. אבער איך האב פאר אים גע'טענה'עט: וואס איז מער אין דיינע אויגן, א טשעק פון א גרויסע סומע אן א חתימה, אדער א טשעק מיט א קליינע סומע וואס איז אונטערגעשריבן ווי עס דארף צו זיין?

מיט שעצונג
**ש.מ.ג**
**לאנדאן, ענגלאנד**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה פון דער אפטער רב אין מעזיבוש וואס איז אין אוקריינא

### דער 'אוהב ישראל'
### ה' ניסן תקפ"ה

הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל פון אפטא זי"ע, איז געבוירן געווארן אין יאר תקט"ו צו זיין פאטער רבי שמואל אין שטעטל זמיגראד. ער האט ערשט געדינט אלס רב אין שטעטל קאלבאסוב, און אין יאר תק"ס איז ער געווארן רב אין אפטא. לויט זיין בקשה ווערט ער אנגערופן אויף די שטאט, כאטש ער האט דארט געדינט אלס רב בלויז ארום אכט יאר. טויזנטער חסידים האבן זיך מסתופף געווען אין זיין שאטן און זיי האבן פון אים געלערנט דרכי התורה וחסידות. זיינע דברי תורה האבן באלויכטן אסאך, און איז געדרוקט אין זיין באקאנטע ספר 'אוהב ישראל'.

אין זיינע לעצטע יארן האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין מעזיבוש, און דארט, איז זיין נשמה ארויף אין הימל ה' ניסן אין יאר תקפ"ה, און איז באערדיגט געווארן נעבן די ציון פון דער 'בעל שם טוב'. אויף זיין הייליגע מצבה איז אויסגעקריצט: "פ"נ הרב אדמו"ר אוהב ישראל מ"ה אברהם יהושע העשיל מק' אפטא בהרב החסיד ועניו שלשלת היוחסין מ' שמואל ז"ל. נפ' ה' ניסן תקפ"ה. לעת זקנותו תקע אהלו של תורה פ"ק מעזבוז ולו דומי' תהילה ובמקום גדולתו שם ענותנותו, אשר יצוה את בניו שלא לכתוב על מצבתו שבחות. תנצב"ה".

### אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן בעפאר עס וועט זיין שפעט

אין דער וועלט דערקענט נישט דער מענטש די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, נאר ווען דער מענטש קומט אן אין עולם הבא וועט ער וויסן דעם ווערד פון יעדן אמן. דער וואס האט זוכה געווען מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן וועט זיך פרייען צו זען די גרויסע שכר וואס ענטפערן אמן האט אים צוגעברענגט, פונקט ווי די קליינע קרענדל וואס פון דעם וואקסט א הערליכן בוים. אבער דער וואס האט גרינגעשעצט אין ענטפערן אמן, וועט שטארק באדויערן פארוואס ער האט גרינגעשעצט אין ענטפערן אמן, ווען עס וועט זיך ארויסווייזן ווי חשוב איז יעדע אמן פאר השי"ת, אבער דאן וועט שוין זיין צו שפעט ('ספר הפנים' אות לא).